# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי׳ לייב בן עליזא**
בתוך שאר חולי ישראל

## פרשת מצורע

# זיך לערנען יראת שמים


**פרנס השבוע**

**יא! אייער הילף יעצט איז קריטיש וויכטיג!**

די זכות פון טויזענטער וואס ווערן נתקרב צום אויבעשטער, קען זיין אייערע אויף אייביג.

**רופט שוין 347-451-0332**

צו זיין א פרנס השבוע **פאר בלויז $600**

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת מצורע
שנה ג׳

# זיך לערנען יראת שמים

## תוכן:

חלק א. די וויכטיקייט פון יראה - חלק ב. די וועג צו לערנען - חלק ג. אויסניצן די בילדער

## חלק א. די וויכטיקייט פון יראה

### די שרעק פון צרעת

כדי צו פארשטיין איינע פון די וויכטיגע לערעס פון די וואכעדיגע סדרה, מוזן מיר נעמען אין אכט דעם פאקט אז אין די אמאליגע צייטן איז צרעת געווען א שרעקעדיגע מחלה; מענטשן האבן געטרייסלט פון פחד ווען זיי האבן געהערט דאסווארט צרעת - און מיט רעכט.

אפילו צווישן גוים זענען קרעציגע אלעמאל געווען איזאלירט פון די געזעלשאפט. אודאי איז עס נישט צוגעגאנגען מיט אלע ענינים און פרטים וואס ווערן אויסגערעכנט אין די תורה אבער דאך זענען זיי געווען איזאלירט, צומאל פאר לאנגע יארן. דער אמת איז אז אפילו היינט צוטאגס, אויב מען באזוכט אין געוויסע ערטער - איר זאלט נישט, אבער לאמיר זאגן אז איר מאכט א רייזע קיין אפריקע אדער אינדיע, וועט איר דארט זען צרעת ערהוילונגס היימען וואו די קראנקע ווערן באהאנדלט.

אבער אין די אמאליגע צייטן, איידער עס זענען געווען מעדיצינישע באהאנדלונגס מיטלען פאר צרעת, איז עס געווען פיל ערגער ווי היינט. צומאל האט מען געקענט זען אנגעשטעקטע זיין איינגעטונקען אין יסורים בשעת זייערע אברים ווערן אויפגעגעסן דורך די צרעת, וואס אין געוויסע פעלער זענען די הענט פשוט אראפגעפאלן, אינגאנצן אויפגעגעסן פון די מחלה.

און דערפאר פארשטייען מיר אז אין יענע צייטן ווען די אידן האבן געליינט אין די תורה פון צרעת, איז עס נישט געווען ווי היינט ווען מ'ליינט די סדרה און געענדיגט - אין די ערשטע תקופה וואס אונזער פאלק האט עקזיסטירט און אפילו פאר פיל יארן דערנאך ווען זיי האבן געליינט די פסוקים האט עס זיי פארשאפט א געוויסע אנגעצויגנקייט ווייל יעדער האט געהאט פאר די אויגן א בילד פון די אומגליקליכע וואס ווערן אויפגעגעסן דורך די מחלה. און ווייל מען האט פארשטאנען אז צרעת ווערט געשיקט אויף א מענטש צוליב פארשידענע עבירות, דערפאר ווען פרשת תזריע-מצורע איז אנגעקומען האט זיך געשפירט א טאפנדע פארכט אין די לופט - א פחד פון וואס עס קען זיין ווען א איד זינדיגט קעגן דעם באשעפער.

## די נייע קעניגן

לאמיר אצינד זען וואס אונזערע חכמים האבן צו זאגן אויף די נושא. אין מדרש רבה (טו:ד) שטייט אזוי: **מָשָׁל לְמַטְרוֹנָה שֶׁנִּכְנְסָה לְתוֹךְ פַּלְטִין שֶׁל מֶלֶךְ** - ס'איז געגליכן צו א פאל ווען א נייע קעניגן וואס האט נארוואס חתונה געהאט, בשעת זי קומט אריין אין פאלאץ פון איר נייער מאן, דער קעניג, וואו זי גייט וואוינען, **כֵּיוָן דְּחָמִית מִגְלְבַיָּא תָּלָן** -זעט זי באשטראפונגס כלים הענגען אויף די ווענט. בייטשן און אנדערע פארשידנארטיגע אפאראטן צו פייניגן מענטשן וואס עס קומט זיי א שטראף איז געווען אפן פאר יעדן וואס איז אריינגעקומען.

איז וואס האט פאסירט ווען די קעניגן האט דאס געזען? **דָּחֲלַתְּ** - זי האט געטרייסלט. זי האט קיינמאל פריער נישט געזען אזעלכע זאכן און זי האט מורא געהאט. **אָמַר לָהּ הַמֶּלֶךְ** - און דער קעניג, זעענדיג די שרעק אויף די קעניגן'ס פנים, האט געזאגט צו איר, "**אַל תִּתְיָרְאִי** - האב נישט מורא, מיין טייערע ווייב, דאס מיינט נישט דיר, **אֵלּוּ לַעֲבָדִים וּלְשְׁפָחוֹת** - דאס זענען פאר מיינע קנעכט און דינסטן וועלכע פירן זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, **אֲבָל אַתְּ** - אבער דו, דו קומסט אריין אין מיין פאלאץ פאר אן אנדערער צוועק, **לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ** - צו עסן און צו טרינקען און צו זיין פריילין."

## נישט ענק מיינט מען

אונזערע חכמים זענען מסביר מיט די משל וויאזוי עס ישראל האט באקומען די פרטים פון די פרשיות תזריע און מצורע **כֵּיוָן שֶׁשָּׁמְעוּ יִשְׂרָאֵל פָּרָשַׁת נְגָעִים נִתְיָרְאוּ**, נאך אלעמען, דער באשעפער לערנט אונז נישט די דינים אומזיסט, איז גלייך נתיראו זיי האבן געטרייסלט פאר פחד "אזא שרעקליכע ווארענונג?! אזעלכע שרעקליכע צרות פאר'ן זינדיגן קעגן השם?! וואס וועט זיין מיט אונז?!"

האט משה רבינו זיי געזאגט "**אַל תִּתְיָרְאוּ אֵלּוּ לְאֻמּוֹת הָעוֹלָם**, הקב"ה פלאנט נישט צו ברענגען נגעים אויף אייך. די קראנקהייטן איז פאר די אומות העולם פאר די רשעים" און ווי טרעפט מען די מערסטע שלעכט טוערס?! נישט אין וויליאמסבורג, נישט אין בארא פארק צווישן די וואס היטן די תורה, נאר צווישן די גוים - היינט צוטאגס די פרייע אידן. **אֲבָל אַתֶּם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ** הקב"ה וויל ענק זאלן האבן נאר א פרייליך לעבן: ענק וועלן עסן און טרינקען און זיין פריילין און איבערלאזן די נגעים פאר די רשעים פאר די גאנצע פרשה איז נישט פאר אייך.

## פארמיידן א טראגעדיע

מיר האבן אבער א קשיא אויף די מדרש א גרויסע קשיא וואס ווערט גלייך שוועך. וויאזוי קען מען זאגן אז די דינים פון א מצורע זענען נישט געשריבן אין די תורה פאר די עם ישראל? מיר ווייסן דאך אז עס איז פונקט פארקערט! עס איז נאר פאר די אידן! די תורה דערמאנט גארנישט וועגן נישט אידישע מצורעים. אוודאי קענען מיר זיי אפזינדערען אבער עס זענען נישט דא קיין דינים אין די תורה פון גוייש'ע מצורעים, זיי ווערן נישט טמא און עס איז נישטא קיין חיוב זיי ארויסצושיקן מחוץ למחנה. אלע דעטאלן וואס מיר ליינען אין די פרשה איבער די צוגאנג פון די איזאלירען און וועלכע קרבנות א מצורע דארף ברענגען ווען ער ווערט טהור, זענען נאר פאר בני ישראל!

יעצט, הער אויס די ענטפער וויל דאס וועט זיין אונזער נושא פאר היינט נאכט. אוודאי די פרשה איז געשריבן פאר די בני ישראל- אויסדריקלעך עס קען זיין צייטן וואס א איד וועט טרעפן צרעת

אויף זיין גוף אדער אויף די ווענט פון זיין הויז און ער וועט דארפן איינהאלטען אלע הלכות פון די פרשה און אלע זייערע פרטי פרטים. אבער משה רבינו האט געזאגט צום פאלק אז עס מוז נישט זיין אזוי! די פרשה האט באמת א דאפעלטע צוועק: די עיקר תוצאה פון אלע דינים איז אז מען זאל עס נישט דארפן אויספירן! עס איז אזוי אז מיר זאלן עס לערנען מיט די כוונה פון זען "די בייטשען אויף'ן וואנט" און מורא האבן, און דערפאר וועלן מיר קיינמאל נישט האבן די געלעגנהייט צו פראקטיצירן די דינים. נאר אנשטאט קענען מיר לעבן פרייליך: **לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ**.

## פחד איז וואונדערבאר

מיר לערנען דא א מערקווירדיגער לימוד. כדי צו פירן א פרייליכע לעבן איז גאר וויכטיג אז ווען די קעניגן קומט אריין אין פאלאץ פון קעניג - דאס מיינט אין די צייט וואס די אידן קומען אריין אין פאלאץ פון די תורה - זאל זי זען די זאכן הענגען אויף די וואנט. דאס איז וואס דער קעניג האט געוואלט. אודאי, ער זאגט איר, "האב נישט מורא; די זאכן זענען נישט פאר דיר," אבער דאך טראכט ער אז עס שאדט נישט אז זי זאל זען די פייניגונגס געצייג אויף די וואנט.

אלזא, עס קען זיין עס זאל נישט פאסירן אין טויזנטער יארן אז א קעניגן זאל באהאנדלט ווערן מיט אזעלכע שטראפן, אבער די סיבה פארוואס די קעניגנס זענען אזוי גוט - אודאי זענען דא פיל סיבות, אבער דאס געבט אויך צו - איז ווייל זי געדענקט די בייטשן אויפ'ן וואנט. ווייל אפילו די בעסטע קעניגן וואס קומט אריין אין פאלאץ מיט די בעסטע כוונות, דאך איז נישט איבריג איר צו מאכן אביסל ציטערן פון די מעגליכע שטראפן וואס קענען איר באפאלן אויב וועט זי נישט הארכן דעם קעניג.

עס קען זיין אז איר וועט טראכטן אז דאס איז איבערגעטריבן - איר וועט זאגן, "איך דארף מכבד זיין דעם באשעפער, יא; איך דארף אים ליב האבן, איך פארשטיי דאס, אבער צו מורא האבן פון באשעפער?!" אונזערע חכמים האבן אבער פארשטאנען די טיפקייט פון דער מענטשליכער נאטור מער ווי סיי ווער היינטיגע צייטן. און זיי האבן פארשטאנען אז מורא איז וואונדערבאר! צו מורא האבן פון טון אן עבירה איז א געוואלדיגע זאך. יא! מורא! **רֵאשִׁית חָכְמָה** - די ערשטע פון אלע זאכן דארפט איר זיך לערנען, **יִרְאַת הַשֵּׁם** - איז צו מורא האבן פון באשעפער!

## דער זינדיגער זון

איר ווייסט, איך זאג אייך שטענדיג איבער די פרשה אין די תורה פון דער בן סורר ומורה; דער זינדיגער זון. און וואס זאגט די תורה איבער אים? זיינע עלטערן דארפן אים ברענגען צום בית דין און אים מוסר'ן קעגן די זקנים פון שטאט. און דער בית דין שלאגט אים און זייווארענען אים אז ער זאל דאס מער נישט טון.

און וואס פאסירט אויב ער זינדיגט ווייטער קעגן זיינע עלטערן? דאן ווערט ער געברענגט צום צווייטן מאל צום בית דין און דאס מאל הרג'נען זיי אים. ער איז א יונגער בחור'ל פון דרייצן, פערצן יאר אלט און זיי באווארפן אים מיט שטיינער! למעשה האט ער נישט עובר געווען אויף קיין גרויסער פארברעכן; צום מערסטנס האט ער אפשר גע'גנב'ט אביסל עסן פון זיינע עלטערן. אבער נישט קיין חילוק; די תורה זאגט אז אלע מענטשן פון שטאט - זיינע שכנים, זיינע פריינט, זיינע לערערס - דארפן קומען צום בית דין און זיי באווארפן אים מיט שטיינער און הרג'נען אים.

אלזא, דער אמת איז אז דער ענין האט אזויפיל פרטים וואס מוזן שטימען כדי צו אויספירן דעם

שטראף, אז עס זענען דא וואס זאגן אז עס האט קיינמאל נישט פאסירט. עס איז דא א גמרא (סנהדרין עא.) ווי עס שטייט **לֹא הָיָה וְלֹא עָתִיד לִהְיוֹת** - עס האט קיינמאל נישט פאסירט און עס וועט קיינמאל נישט זיין ווייל די אומצאליגע תנאים מאכן עס ממש אוממעגליך צו קענען פארקומען.

## די נוצליכע השפעה

פרעגט זיך די שאלה, אויב עס קען קיינמאל נישט פאסירן דאן פארוואס שטייט עס אין די תורה? וואס איז דער צוועק פון די פרשה? זאגן אונזערע חכמים, **אֶלָּא דְּרֹשׁ וְקַבֵּל שָׂכָר** - דאס איז נאר כדי צו לערנען די דינים און באקומען שכר. בלויז צו לערנען די פרשה ברענגט שוין א גרויסער נוצן פאר א מענטש. פונדעסטוועגן, עס מיינט נישט בלויז אז דו באקומסט שכר פאר לערנען די פרטים פון די דינים. פארשטייט זיך, אויף יעדע הלכה פון די תורה וואס דו לערנסט, כאטש דו האסט קיינמאל נישט געהאט די געלעגנהייט עס אויסצופירן, וועסטו טאקע באלוינט ווערן בלויז פאר עס לערנען, אבער עס איז דא נאך עפעס צו דעם; **דְּרֹשׁ** אין דעם פאל מיינט אויך אז דורך עס לערנען ריכטיג, **וְקַבֵּל שָׂכָר**, וועסטו באלוינט ווערן מיט א בעסערן כאראקטער, מיט א שלימות אין מידות. דאס איז דערפאר ווייל דער לימוד פון א בן סורר ומורה לערנט א מענטש יראת העונש.

איר ווייסט, אלע קליינע אינגלעך אין חדר וואס לערנען חומש ווערן דערשראקן צום טויט פון די פסוקים. זיי האבן נאכנישט געלערנט אלע קאמפליצירטע תנאים פון די גמרא און דערפאר ווען זיי לערנען מיט זייער רבי חומש, כפשוטו, ווערן זיי דערשראקן! 'אויב איך וועל זינדיגן, קען דאס פאסירן צו מיר,' טראכט דער קליינער אינגל. ער קען נישט די לומדות אין מסכת סנהדרין; אלע תנאים און חומרות וואס מאכן עס אוממעגליך. די קליינע אינגלעך אין חדר ווייסן נישט פון דעם און דערפאר טראכטן זיי, 'מיין טאטע און מיין מאמע קענען מיר איין טאג נעמען צום רב.' און איר קענט נישט ווייסן וויפיל דורות פון קליינע אינגלעך זענען געווארן גוט צוליב דעם! פאר טויזנטער יארן האט די פרשה גורם געווען א גוטע השפעה אויף אונזער פאלק.

און דאס איז ווייל די השפעה פון יראת העונש ברענגט א געוואלדיגע פארדינסט פאר יעדן. יעדער וואס וויל מצליח זיין אויף די וועלט מוז פארשטיין - באמת פארשטיין - אז עס איז נישטא אזא זאך ווי זיך פטר'ן פון זינד. איר ווילט זיין גוט? דאן מוזט איר איינפרעגלען אין זיך א גלייכע, פשוט'ע מורא פון באשעפער. און מורא פון וואס? נישט נאר יראת הרוממות, מורא פאר זיין כבוד, נאר אויך מורא פאר שטראפן; מורא פאר וואס וועט חס ושלום פאסירן צו דיר אויב ביסטו נאכגעלאזט אין אויספירן זיינע דינים.

## דער וועג צו פרייליכקייט

און מיינט נישט אז פאר דיינע זינד וועלן די שטראפן זיין קליין - ווייל קיין שום זינד איז נישט קליין! אויב א מענטש זאגט א נישט שיינער אויסדריק, אויב ער רעדט לשון הרע אדער איז עובר אויף סיי וועלכע אנדערע עבירה, דארף ער מורא האבן פאר זיין לעבן. אפשר וועט ער טרעפן אויף זיין ארעם א געוויקס און ער וועט דארפן גיין צום כהן. אפשר וועט חס ושלום דער דאקטער טרעפן עפעס א געוויקס אינעווייניג אין זיין קערפער און ער וועט דארפן לויפן צו א ספעציאליסט מיט אן עמערזשענסי אפוינטמענט.

און דאס, לערנט אונז דער מדרש, איז איינע פון די געוואלדיגע פארדינסטן פון די פרשה פון צרעת פאר די וועלכע ווייסן ווי אזוי ריכטיג צו לערנען חומש; עס מאכט מורא האבן פון וואס עס

קען ארויסקומען אויב מ'פאלט דורך. ס'איז גוט דאס צו וויסן; ס'איז גוט צו וויסן אז אויב מ'פירט זיך נישט איידל, אויב מ'רעדט נישט שיין צו די ווייב, קען מען עס באקומען אין די קישקעס. מ'וועט אפשר דארפן מאכן אן אפעראציע צו ארייבלייגן א רער און מ'וועט דארפן ארומגיין א גאנץ לעבן מיט א לאך אין קערפער און א זעקל הענגען אין די זייט.

און מיינט נישט אז דאס זענען דערדריקנדע מחשבות; דער מדרש לערנט אונז אז דאס איז אייגנטליך דער וועג צו פרייליכקייט. ווייל ווי מער א מענטש האט מורא פון שטראפן אויף זינד, אלץ מער געבט ער אכטונג זיינע טריט און אלץ מער ערפאלגרייך לעבט ער - און ווי מער ערפאלגרייך דו לעבסט, אלץ פרייליכער וועסטו זיין, אויסדריקליך.

דאס איז וואס דער מדרש באדייט: אֱבָל אַתְּ - אבער דו? לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ - דער באשעפער וויל דו זאלסט לעבן א פרייליכע לעבן; צו עסן, טרינקען, און לעבן פרייליך. דו קענסט איבערלאזן די נגעים פאר די זינדיגע אויב דו לערנסט זיך צו מורא האבן פון זיין זינדיג. און דער וועג דאס צו דערגרייכן איז דורך לערנען די תורה ווי אזוי דער אויבערשטער וויל.

# חלק ב. די וועג צו לערנען

## זיך לערנען ווי אזוי צו לערנען

אלזא, דאס איז שוין אינגאנצן א נייער וועג פון לערנען תורה. דער מדרש זאגט אונז אז מיר דארפן לערנען די תורה נישט ווי בלויזע ווערטער און מעשיות; ס'איז נישט נאר דינים און פרטים. אה ניין! ס'איז פיל מער ווי דאס - ס'איז זייער פאקטיש; ס'דארף דינען פאר אונז ווי בילדער אויפ'ן וואנט. ווען דו ליינסט די פרשה פון צרעת דארפסטו זיך עס פארשטעלן און טרייסלען ווי די קעניגן וואס זעט די בייטשן. דאס איז דער סארט לערנען וואס דער באשעפער וויל, ווייל דאס איז דער סארט לערנען וואס טוישט א מענטש. דאס מיינט, אז ווען דו קומסט צו אזעלכע פסוקים זאלסטו זיך אפשטעלן און אפגעבן אביסל צייט ארייבצוטראכטן אין די ווערטער און אין די לערעס דערפון. עס איז ווערד די אינוועסטמענט - ס'איז אן אינוועסטירונג אין עולם הבא.

אונזערע חכמים האבן דאס געטון. דערפאר זעען מיר אז ווען די חז"ל האבן געלערנט געוויסע פסוקים וואס האבן גערעדט פון יראת שמים, פלעגן זיי וויינען. ווי עס שטייט אין גמרא (חגיגא ד:), אז ווען רבי אלעזר איז געקומען צו א פסוק וואס האט אים דערמאנט פון זיינע פליכטן, האט ער געוויינט. אזוי אויך רב הונא, רב אמי, רב אסי, רב יוסף - זיי האבן געשפירט א יראה ווען זיי האבן געליינט געוויסע פסוקים אין די תורה און האבן געוויינט. זיי האבן נישט געוויינט מיט געמאכטע טרערן, צו מאכן א שפיל; זיי האבן אמת'דיג געוויינט.

וועט איר זאגן אז אפשר זענען זיי געווען געפילישע מענטשן, סענסיטיווע נאטורן, האבן זיי געוויינט ביים ערשטן מאל וואס זיי האבן געליינט די פסוקים. ניין, זיי האבן געוויינט יעדע מאל וואס זיי האבן דאס געלערנט. זיי האבן פארגאסן טרערן! די גרויסע לייט האבן אריינגעטראכט אין וואס זיי ליינען און דורך וויינען האבן זיי קונה געווען א יראה פון באשעפער; דאס מיינט אז זיי האבן אויסגעארבעט זייער כאראקטער דורך די וויכטיגע אייגנשאפט אין מח וואס אונזערע חכמים רופן אן דעה.

## אמת'ע וויסנשאפט

אין די גמרא (ברכות לג.) שטייט, **גְּדוֹלָה דֵּעָה** - ווי גרויס איז די מידה וואס ווערט גערופן דעה. עס לויבט אויס דעם מענטש וואס איז קונה א געוויסע אייגנשאפט אין מח וואס ווערט גערופן דעה און מיר דארפן פארשטיין וואס דאס מיינט.

איך דערצייל אלעמאל די זעלבע מעשיות אבער ס'איז וויכטיג צו וויסן די מעשיות. איך געדענק, איינמאל איז א בחור געקומען שפעט אין ישיבה, האב איך אים געפרעגט, "פארוואס ביסטו היינט געקומען שפעט?" האט ער געענטפערט, "אויפ'ן וועג האב איך עפעס געזען; איך האב געזען א מענטש שטארבן אויפ'ן גאס." ער איז געווען אנגעצויגן; א מענטש איז נארוואס געשטארבן פאר זיינע אויגן!

האב איך אים געפרעגט, "צי ווייסטו נישט אז מענטשן שטארבן? דו האסט דאס שוין געוואוסט, נישט אזוי?" "יא," האט ער געזאגט, "אבער איך האב עס קיינמאל נישט געזען פריער."

אלזא, די שאלה איז, וואספארא וויסנשאפט איז צוגעלייגט געווארן וואס ער האט נישט פארמאגט פריער? ער האט שוין געוואוסט פון טויט. דער ענטפער איז, אז פריער איז עס געווען בלויז חכמה, אן איבערפלעכליכער אופן פון וויסן; אבער יעצט אז ער האט עס געזען מיט זיינע אייגענע אויגן אז מענטשן שטארבן, האט ער געלערנט אז עס איז באמת אזוי - יעצט האט ער דעה.

## איבערטוישן די וויסנשאפט

חכמה מיינט צו האבן ידיעות, צו וויסן זאכן, דאגעגן דעה באציט זיך צו די קוואליטעט פון די וויסנשאפט. און עס איז די דעה וואס רעכנט זיך! דאס איז וואס יעדער איד שטרעבט צו האבן.

אלזא, פארשטייט מיר נישט שלעכט; חכמה איז וויכטיג, נישטא קיין ספק אין דעם. אודאי מוז יעדער ארבעטן צו קונה זיין חכמה ווייל דאס איז די רויע מאטריאל וואס קען פארמירט ווערן צו דעה. ס'איז ווי די מאכלים וואס מיר עסן. מיר וואלטן נישט געהאט קיין נוצן פון די ברויט וואס מיר שלינגען אראפ, עס וואלט געווען סם אויב די ברויט זאל ארייגגיין אין די בלוט, ווען נישט די ענזיימס וואס געפינען זיך אין אונזער קערפער וואס קענען צענעמען די עסן מיט די פארשידענע טיילן דערין און איבערארבעטן די מאטריאלן ביז עס ווערט נוצבאר, און דאס ערמעגליכט אונז צו קענען לעבן.

דאס גלייכן אויך, אלע פאקטן וואס מיר לערנען זענען פאר זיך אליין באדייטלאז. וואס געבט עס צו פאר א מענטש צו וויסן אז ער טאר נישט אריבערגיין ביי א רויטן ליכט אויב פאקטיש טוט ער עס יא? וואס העלפט עס צו וויסן אז רייכערן קען ברענגען לונגען מחלות אויב למעשה רייכערט ער נאך?

און וויכטיגער פון אלעם, וואס העלפט עס ווען א מענטש גלייבט אין דין וחשבון, אז דער באשעפער באשטראפט א מענטש פאר זיינע זינד, ווען פאקטיש האט ער אינגאנצן נישט קיין יראת העונש אין זיינע מחשבות? און דער אמת איז אז די מחשבות אליין זענען נישט גענוג - עס דארף ווערן א טייל פון דיין כאראקטער! עס דארף ארייגגיין אין דיין בלוט אז דו ביסט דא אויף די וועלט פאר איין ציל און דאס איז, זיך משלים צו זיין דורכ'ן וויסן אז פאר יעדן דורכפאל וועסטו אויף עפעס א וועג באשטראפט ווערן, אויב ער טוט נישט תשובה, וועט ער באצאלן פאר זיינע עבירות.

## נעם עס נישט פאר לייכט

איר ווייסט, ס'איז דא א גמרא (בבא קמא נ.) וואס זאגט: **כָּל הָאוֹמֵר הקב"ה וַתְּרָן יְוַתְּרוּ חַיָּיו** - ווער עס זאגט אז דער באשעפער איז מוותר, ער שפילט מיט זיין לעבן. דאס מיינט, אז ווער עס זאגט אז דער באשעפער פארקוקט אויף א מענטש'ס זינד און ער וועט נישט באשטראפן, אט דער מענטש וועט שווער באשטראפט ווערן בלויז פאר דאס זאגן.

דער באשעפער איז נישט מוותר אויף גארנישט! אויב א מענטש האט געטון עפעס נישט ריכטיג, אויב ער האט עובר געווען אויף אן עבירה, דאן אפילו אויב עס זענען אריבער פופציג יאר און אינצווישן איז דער מענטש געווארן א צדיק, ער איז געווארן א גרויסער ראש ישיבה מיט א לאנגע ווייסע בארד, דאך וועט אים דער באשעפער נישט פארגעבן, עס וועט אים אפווארטן א שטראף, אויסער אויב ער טוט תשובה. דאס איז א יסוד היסודות. עס טאר נישט זיין דער מינדעסטער ספק אז אן תשובה וועט דער באשעפער נישט פארקוקן אויף קיין זאך.

אמאל ביסטו געווען טראציג, אמאל האסטו זיך נישט געפירט שיין מיט דיינע קרובים. אפשר האסטו געטון זאכן וואס דו האסט נישט געטארט אדער האסטו געקוקט וואו דו האסט נישט געמעגט. אפשר ביסטו נישט געווען גענוג פארזיכטיג און דו ביסט געגאנגען וואו דו האסט נישט געדארפט צו גיין אדער דו האסט געזאגט וואס האט נישט געדארפט געזאגט צו ווערן. דו דארפסט טראכטן איבער דעם! צי ביסטו אזוי בשלימות אז דו האסט נישט קיין זארגן? צי האסטו נישט מורא אויף דעם וואס די תורהווארנט?

אודאי וועט איר מיר זאגן אז איר ווייסט פון דאס אלעס, און ס'איז אמת, איר ווייסט טאקע. אבער ס'איז א פארנעפלטע וויסנשאפט וואס איז ווייט פון מח; ס'איז זייער אומקלאר. די אלע פרטים זענען חכמה וואס מוזן באארבעט ווערן דורך אונז ביז זיי ווערן א טייל פון אונזער פירונג, א טייל פון אונזער כאראקטער - אנדערש זענען זיי ווערדלאז.

## מיר זענען ווי טויטע קיען

דאס איז דער ענין וואס מיר זעען אין חז"ל רעדן איבער א **תַּלְמִיד חָכָם שֶׁאֵין בּוֹ דֵּעָה**, א תלמיד חכם וואס האט נישט קיין דעת. וועט איר פרעגן, ווי אזוי קען ער זיין א תלמיד חכם אויב האט ער נישט געלערנט? אבער דאס איז פונקטליך פון וואס מיר שמועסן דא, ווייל א מענטש קען לערנען גאר אסאך ידיעות אבער אויב ער נעמט עס נישט אריין אין זיך, צי וואס איז עס דען ווערד? **כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁאֵין בּוֹ דֵּעָה נְבֵלָה טוֹבָה מִמֶּנּוּ** - א תלמיד חכם אן קיין דעה, איז א טויטע בהמה בעסער ווי אים (ויקרא רבה א:טו). דאס איז וואס אונזערע חכמים זאגן איבער אים; ער איז ערגער ווי א טויטע קו.

ערגער ווי א טויטע בהמה?! דאס איז שוין צופיל, טראכט איר, איז דען נישטא קיין בעסערער משל ווי א נבילה? דער ענטפער איז, ס'איז זייער א גוטער משל; דער פארגלייך איז גאר פאסיג. א נבילה איז א שלימות'דיגע באשעפעניש; עס האט אלעס וואס עס דארף. עס האט א קערפער, עס האט א הארץ און לונגען און ציין און א צונג. דאס גאנצע וואס פעלט איז לעבן; אויסערדעם, איז אלעס דא. ס'איז אזוי גלייך צו א לעבעדיגע זאך וואס איז אבער דאך נישט לעבעדיג - ס'איז טויט.

און דאס איז א מענטש וואס האט קונה געווען אסאך ידיעות, אסאך פאקטן, אבער ער האט זיך קיינמאל נישט געקימערט עס צו מאכן א טייל פון זיין באוואוסטזיין; ער האט קיינמאל נישט געבערענגט די פאקטן צום לעבן.

## בילדער זענען וויכטיג

וויפיל מאל ווערט איר הערן אז מחלוקת זענען געפערליך? לשון הרע? געפערליך! יעדער זאגט עס, אבער יעדער טוט עס ווייטער. איך ווייס, ווייל מיין טעלעפאן קלינגט אן קיין אפשטעל. שוויגערס און שנורן, מענער און ווייבער, ברידער און שוועסטערס, שכנים, זיי רופן מיר א גאנצע צייט! וואס האט פאסירט צו אונזער גאנצע חכמה, די אלע רייד פון חכמה וואס מיר זאגן ביים שבת טיש? דער ענטפער איז אז דאס איז בלויז אינפארמאציע פאר אונז; מיר האבן קיינמאל נישט פארמירט די חכמה צו דעת.

אבער די פסוקים פון צרעת זענען נישט דא בלויז אלס אינפארמאציע - זיי זענען געצייג וואס דער באשעפער האט אויפגעהאנגען אויפ'ן וואנט פאר אונז צו זען. דאס קומענדיגע מאל וואס דו ווילסט זאגן אן אומפאסיגע ווארט, זאלסטו געדענקען דאס בילד וואס דו האסט געפארעמט אין דיין קאפ פון דער מענטש וואס ליידט פון א קראנקהייט. נישט בלויז ביי אומפאסיגע ווערטער - צרעת קומט אויף פיל סארטן זינד; און אויב ס'איז נישט צרעת, דאן איז עס אנדערע זאכן.

איר דארפט האבן א בילד אין אייער קאפ פון דער מענטש אין שפיטאל צימער וואס קוקט אראפ פונעם פענסטער ביי זיין בעט אויף אלע מענטשן וואס גייען פארביי. אוי, ווי ער ווינטשט זיך ער זאל קענען זיין אינדרויסן אין גאס! יעדער לעבט א לעבן און ער ליידט צוליב זיינע עבירות אויף וואס ער האט עובר געווען. דאס איז דאס בילד וואס יעדער מענטש דארף האלטן אין קאפ.

## די ערד'ס מויל

דאס איז דער וועג צו לערנען; מיט בילדער אין קאפ. נישט נאר ביי די פרשה פון צרעת - די גאנצע תורה איז א תורה פון דעת. ווען איר קומט צו די פאסירונג פון קרח, איז עס נישט בלויז חכמה אז איר זאלט האבן פשט'לעך צו זאגן ביים טיש. עס איז געשריבן דארט, צו מאכן יראת העונש. פארוואס האט די ערד געעפנט איר גרויסע מויל צו איינשלינגען קרח? ווייל קרח האט געעפנט זיין גרויסע מויל צו רעדן קעגן משה.

ווען דו זעסט דאס, לערנסטו זיך, נישט צו עפענען דיין מויל! ווייל אויך היינט עפנט די ערד איר מויל צו באגראבן מענטשן. פיל ווערן איינגעשלונגען אין א פרי-צייטיגן קבר ווייל זיי האבן געעפנט זייערע מיילער. און וואס איז נאך ערגער, פיל ווערן איינגעשלונגען אין גהנום, פונקט ווי עס איז געשען צו קרח.

איר דארפט טראכטן איבער דעם אין א וועג וואס עס ווערט פאקטיש. צום ביישפיל, דאס קומענדיגע מאל וואס איר גייט אין גאס און איר זעט א טיפע גרוב - לאמיר זאגן די ארבעטער פונעם גאז קאמפאני גראבן א טיפער לאך צו קענען אריינשטעלן א נייער רער - איז ווען איר גייט פארביי זאלט איר טראכטן, 'ווי אזוי וואלט עס געפילט אויב א מענטש וואלט געווארן אריינגעלייגט אין די גרוב און א גרויסער טראקטער וואלט ארויפגעשארט אלע שמוץ איבער אים און אים באדעקט לעבעדיגערהייט?' ס'איז נישט געשמאק! אזוי דארף מען טראכטן. און דאס קומענדיגע מאל וואס דו ווילסט אריינשטעקן דיין נאז אין א מחלוקת וועסטו האבן א בילד אין דיין מח פון יענע גרוב. דאס איז דער וועג צו לערנען חומש.

## ליין און נעם עס ערנסט

צוליב דעם, ווען פרשת בחקותי קומט צו גיין אפאר וואכן שפעטער - דאס איז די פרשה וואס זאגט פאראויס וואס עס וועט פאסירן צו דאס אידישן פאלק אויב זיי האלטן נישט איין די הנהגות

וואס דער באשעפער פאדערט פון זיי - ווען די פרשה קומט, זאג איך אז עס איז כדאי צו לערנען די פסוקים זייער פארזיכטיג.

ווי מיר ווייסן, ווען דער בעל קורא קומט צו די תוכחה, וואס טוט ער? ער נידערט אראפ זיין קול כדי ער זאל חס ושלום נישט צו שטארק דערשרעקן. אזוי איז עס געווען אמאליגע צייטן ווען מענטשן זענען געווען מער אויפמערקזאם צו די לערעס פון די תוכחה - בלויז ליינען די ווערטער האט פאראורזאכט זייער א שטארקע ערוועקונג, א באוואוסטזיניגקייט צו זייער געוואלדיגע אחריות צום באשעפער.

אלזא, איך גיי נישט טוישן קיין שום מנהגים, אבער דער נוצן פון די תוכחה איז היינט פארלוירן געגאנגען. אין די פריערדיגע צייטן זענען מענטש געווען מער אויפמערקזאם צו די לערעס וואס עס דארף לערנען - ווען זיי האבן געליינט אין די תורה האבן זיי געשפירט אז דער באשעפער רעדט צו זיי - און דערפאר איז געווען גענוג עס צו ליינען שטיל; יעדער איז סייווי געווארן אזוי באנומען פון די לערעס. אבער היינט, ווען עס ווערט געליינט בלויז אלס א פארמאליטעט, וואלט נישט געווען אזא שלעכטער געדאנק אויב די תוכחה וואלט געליינט געווארן הויך - אפילו העכער ווי געווענליך. מיר זאלן עס לערנען, בעיון, יעדן פרט מיט די פרטי פרטים.

מענטשן האבן דאס נישט ליב צו הערן, אבער איר קומט נישט צו דעם שיעור בלויז אויף צו הערן זאכן וואס איר ווילט הערן. אודאי וואלט איך ליב געהאט צו רעדן צו אייך פון געשמאקע זאכן, פון ישועות ונחמות, אבער דער געוואלדיגער לימוד פון אונזער מדרש איז, אז צו לערנען די ווערטער איז די גרעסטע ישועה וואס איז שייך - ס'איז די הקדמה צו א לעבן פון "עסן, טרינקען און זיין פרייליך" ווייל אנשטאט צו לעבן מיט יסורים, קענט איר דאס פארמיידן דורך דאס דורכלערנען.

# חלק ג. אויסניצן די בילדער

## פארמירן בילדער

אצינד, מיר לערנען דא אז ווי וויכטיג עס איז די חכמה פון יראת ה', דארפן מיר זיך אבער מאכן אלס אן אויפגאבע, צו טראנספארמירן די 'אינפארמאציע' וואס מיר פארמאגן, צו 'דעה', אויף פאקטישע טאפעדיגע וויסנשאפט. און דער בעסטער וועג צו קונה זיין די דאזיגע דעה איז דורך בילדער אין קאפ. לויט די קלארקייט פון די בילדער וואס דו האסט אין מח אזוי פיל יראת העונש וועסטו קונה זיין. דאס מיינט, אז דיין הצלחה אויף די וועלט ווענדט זיך אין; נומער איינס, די צאל בילדער וואס דו פארעמסט אין דיין מח און נומער צוויי, אין די שארפקייט פון די בילדער; ווי קלאר די בילדער זענען אין דיר.

אלזא, ווי אזוי מאכן מיר די בילדער? פון די מעשה פון דער קעניג וואס האט אריינגעברענגט זיין קעניגן אין זיין פאלאץ פארשטייען מיר אז דער באשעפער וויל מיר זאלן לערנען די תורה מיט די אויגן אין קאפ - א מענטש וואס לערנט תורה דעם ריכטיגן וועג, ער זעט די געצייג אויפ'ן וואנט בשעת ער לערנט און ער אנערקענט אז דער באשעפער מיינט פאקטיש. צרעת איז זייער עכט! און אפילו עס איז נישטא היינט צרעת ממש, זענען דא אנדערע זאכן אין באשעפער'ס געצייג קאסטן. איין וועג אדער דער אנדערער וועט זיין א דין וחשבון און עס גייט נישט גיין גוט פאר'ן מענטש וואס פאלגט נישט דעם אויבערשטן. און ווי מער דו לערנסט תורה אויף דעם וועג, אלץ מער ערפאלגרייך וועסטו לעבן און אלץ פרייליכער וועסטו זיין.

## לעבעדיגע בילדער

פונדעסטוועגן, ווען מיר צולייגן אצינד נאך א שטאפל צו אונזער דאזיגע אויפגאבע און דאס איז די דעה וואס מיר קענען קונה זיין דורך די בילדער וואס מיר זעען מיט אונזערע אייגענע אויגן. מיר קענען נישט אוועקגיין פון די נושא אן ארויסצוברענגען אז איינע פון די וויכטיגסטע וועגן פון ניצן בילדער צו פארמירן טעארעטישע אינפארמאציע צו פאקטישע פארשטאנד איז דורך לעבעדיגע בילדער. ווי יענער ישיבה בחור וואס האט געזען א מענטש שטארבן אויפ'ן גאס און ער האט דערפון געלערנט אז מענטשן שטארבן טאקע עכט, פארשטייען מיר אז פאקטן טוען זיך די בעסטע איינקריצן אין אונזער מח דורך א בילד וואס מיר זעען מיט אונזערע אויגן.

איז ווען דו גייסט אין גאס און דו זעסט א מענטש מיט א ליידיגער ארבל, אאאה, דיין הארץ זאל טרייסלען. איך האב דאס געזען נעכטן - א רוסישער מאן מיט א ליידיגער ארבל. איך האב געטראכט, 'דער באשעפער קען אזוי אוועקנעמען א מענטש'ס האנט! אוי וויי! אפשר האב איך געטון עפעס מיט מיין האנט וואס איך האב נישט געדארפט צו טון'" געב א קוק אויף דיין ארעם - ברוך ה' ס'איז נאך דארט אין דיין ארבל. דו דארפסט אבער מורא האבן; דער מענטש האט אויך אמאל געהאט אן ארעם אין זיין ארבל אבער עס איז מער נישטא.

איר ווייסט וואס עס האט יעצט פאסירט? איר האט ממש יעצט פארדינט א דיאמאנט פון יראת העונש. און יעדע ביסל פון יראת העונש - פון פשוט'ע פחד פון וואס עס קען פאסירן אויב א מענטש הארכט נישט דעם באשעפער - איז א בריליאנט וואס ווערט צוגעלייגט צו דיין קרוין פון גרויסקייט; צו דיין שלימות אין כאראקטער.

## זען איז נישט פערצופאל

אצינד, איך ווייס אז גלייך וועט איר מיר פרעגן טויזענט קשיות איבער אנדערע מענטשן צו וועמען עס האט פאסירט, אלע צדיקים וואס ליידן. די קשיות זענען בלויז **פיתויי היצר**, אן איינרעדעניש פונעם יצר הרע אז איר זאלט נישט לייגן קיין אכט אויף דעם געוואלדיגן לימוד. יעצט אין די צייט האנדלען מיר מיט דיר - פארוואס האסטו געזען אזא זאך?!

אלזא, עס קען זיין - איך קען אים נישט - קען זיין אז דער מענטש איז געווען א צדיק; אפשר האט ער פארלוירן זיין ארעם ביים דינען אינעם רוסישן מיליטער און ער האט גארנישט געטון שלעכט; איך קען אייך נישט זאגן. ווארשיינליך, אזוי ווי ער גייט ארום אן קיין קאפ צודעק קען איך זיך פארשטעלן אז ער איז נישט אזא גרויסער צדיק, אבער נישט דאס איז אונזער נקודה יעצט. דעם באשעפער'ס חשבונות מיט אים, נישט דאס איז אצינד אונזער נושא. עס איז דאס לעבעדיגע בילד וואס דער באשעפער האט דיר געשיקט, דאס איז פון וואס מיר רעדן יעצט.

ס'איז נישט קיין צופאל אויב דו האסט עס געזען היינט. דער באשעפער ניצט דעם מענטש צו איבערגעבן א מעסעדזש פאר דיר. ס'איז ווי א פעקל וואס דו דארפסט עפענען. אבער אויב דו טראכסט נישט איבער וואס דו האסט געזען, איז עס ווי איינער זאל דיר שיקן א פעקל אבער קיינער איז נישט אינדערהיים עס צו איבערנעמען. דער פאסט-מאן לאזט איבער א צעטל אבער דו גייסט עס קיינמאל נישט אפנעמען און דאס פעקל ווערט פארלוירן.

## לערנען פון זיי

למעשה, אודאי זאלסטו מיטפילן מיט יעדן וואס דו זעסט. זיכער איז עס דיין פליכט צו העלפן מיט וואס דו קענסט. אויסדריקליך זאלסטו פראבירן צו מיטפילן זייער ענגשאפט און אויב דו

קענסט זאלסטו טון וואס נאר מעגליך עס צו לינדערן. אבער פארגעס נישט צו אפנעמען דאס פעקל פון יראת העונש. דו דארפסט מורא האבן - זע וואס דער באשעפער קען טון. אזויפיל אומגליקן קענען פאסירן צו מענטשן, חס ושלום! בלויז פון גיין אויפ'ן גאס און זיך ארומקוקן, קענען מיר אנהייבן אויסצורעכענען א גאנצע ליסטע פון קראנקהייטן, א גאנצע ליסטע פון עקסידענטן, פארשידענע סארטן זאכן וואס קענען פאסירן, ה' ישמרינו.

דאס איז איינע פון די לערעס וואס מיר דארפן לערנען פון אומללים, פון די אומגליקליכע מענטשן וואס מיר זעען אויף די וועלט. ווען דו זעסט עפעס, איז גוט צו מורא האבן. 'איך וועל מער נישט עפענען מיין מויל אויף מיין ווייב נאך דאס וואס איך האב היינט געזען.' ס'איז א גוטע זאך עס צו טראכטן ווען דו זעסט א מענטש וואס זיינע באקן זענען פארבאנדאזשירט. מיר דארפן נאכאנאנד דאווענען צום באשעפער: "כ'בעט דיר באשעפער! כ'בעט דיר פארגעב מיר אויף וואס איך האב נישט ריכטיג געטון. איך האב מורא! איך וועל עס נישט טון נאכאמאל!"

## הייב אויף די פעקלעך

דו האסט געזען א מענטש מיט א פארבאנדאזשירטע אויג? האב מורא! 'פון יעצט אן וועל איך נישט זיצן אין הויז פארפאטשקען מיין לעבן קוקנדיג אויף די טעלעוויזיע.' איר ווייסט וואס עס מיינט צו דורכגיין אן אפעראציע אויף די אויגן? ס'איז נישט קיין קינדער שפיל! ס'איז ווי צו טרעפן צרעת אויף די הויט - מען דארף גיין צום דאקטער איינמאל און דערנאך נאכאמאל און נאכאמאל. אהין און צוריק צום כהן, אהין און צוריק צום דאקטער.

פארגעס נישט צו אויפהייבן דאס פעקל פון יראת העונש ווען דו זעסט עס. דאס איז דער וועג צו רעאגירן צו אזעלכע זאכן - דו זאלסט ווערן דערשראקן צו טון עבירות.

ווען דו גייסט פארביי א בית לוויות, האב מורא פון באשעפער. ווען דו גייסט פארביי א שפיטאל, האב מורא פון באשעפער. דו שטייסט פארנט פון א מעדיצינישער בנין, עס ווערן דארט צוגעשטעלט א גאנצע רייע פון מעדיצינישע באהאנדלונגען. מאקזילערי - אויב די קינבאקן ריקן זיך ארויס פון פלאץ, זיי ווערן פארריכטן די קינבאקן; און אויך אנדערע זאכן - צען פארשידנארטיגע מעדיצינישע באהאנדלונגען ווערן צוגעשטעלט אין דעם איינעם קליינעם בנין און א גאנצן טאג גייען מענטשן אריין און ארויס. דו ווילסט מתפלל זיין פאר זיי? געזונטערהייט - דאוון זיך אויס דיין הארץ! אבער פארגעס נישט אויך צו טראכטן, 'איך האב מורא פון דיר, באשעפער!' דאס איז איינע פון די צילן פון די פראבלעמען וואס דער באשעפער הענגט אויף די וועגט פאר יעדן צו זען.

## די זינדיגע פרינצעסן

אזוי אויך, ווען איר הערט אז אין ענגלאנד איז געווען א פרינצעסן מיט'ן נאמען 'די' וואס האט זיך גע'חבר'ט מיט א מצרי'שער מאן - נישט איר מאן - און דאן האט א קאר עקסידענט זיי ביידן צעשמעטערט און געמאכט פון זיי א קאשע, א קארטאפל קאשע, וואס דארפן מיר צו טון? **רָאִיתִי לָקַחְתִּי מוּסָר** - מיר דארפן לערנען פון דעם צו מורא האבן פון באשעפער. יא! דער באשעפער האט דאס געטון בדוקא צו ווייזן ווי ער האט פיינט אויסגעלאסנקייט! אפילו צווישן גוים. דער באשעפער איז שונא זימה!

דאס איז דער לימוד פאר די וועלט צו לערנען. אודאי האט די נארישע וועלט גארנישט געלערנט. זיי האבן קיינמאל נישט געלערנט דעם מדרש דערפאר פארשטייען זיי עס אינגאנצן נישט ריכטיג;

די צייטונגען האבן געמאכט פון איר ווי א פאראייליגטע און די בהמות פון די וועלט וואס האבן געליינט די צייטונגען זענען רואינירט געווארן. אנשטאט צו ווערן דערשראקן פון באשעפער האט די וועלט פארפאסט די גאנצע נקודה. זי איז נישט געווען א קליין מיידל וואס איז גע'הרג'ט געווארן אין א קאר עקסידענט; זי איז געווען א פארהייראטע פרוי מיט גרויסע קינדער און זי איז געווען פארנומען מיט אן אנדערער מאן. איר פארשטייט, זיי האבן אינגאנצן נישט געלערנט קיין מסילת ישרים! איז וואס האט פאסירט? זיי זענען געכאפט געווארן אינאיינעם ווי מייז אין א נעץ און צעדרוקט געווארן. דאס איז דער פשוט'ער אמת.

## לערנען דעם לימוד

אלזא, די נעבעכדיגע קעניגן פון ענגלאנד וואס האט געפילט אז עס וואלט זיך געפאסט אביסל איידלקייט פאר דאס קעניגליכע הויז; זי האט געטראכט אז אפשר איז נישט פאסיג פאר א קעניגליכע הויז צו געבן כבוד פאר אזא מענטש, דערפאר האט זי נישט געוואלט רעדן ביי די לוי' פון איר שנור. אבער די צייטונגען האבן איר אפגעשראקן. "וואס מיינט איר?! צי גייט איר פארשוועכן די דאזיגע קדוש?! זיכער דארף מען איר אפגעבן כבוד!"

די צייטונגען האבן געמאכט אזא גרויסן עסק אז זי איז אפגעשראקן געווארן און זיך אונטערגעגעבן און געזאגט אפאר ווערטער ביי די לוי'. דערנאך איז ארויסגעשטעלט געווארן א פארשלאג צו פאבריצירן א נייע פאסטמארקע לכבוד די 'צדיקת', אבער זי האט געזאגט ניין. אאאה! די צייטונגען האבן אנגעהויבן פונדאסניי. זיי האבן געהויערט ווי א סטאדע היענעס. געהויערט!

אלזא, סיי וואס די וועלט האט געטון, דארפן מיר פארשטיין אז ווי ווייט עס איז אונז נוגע, זענען מיר די פאר וועמען די דאזיגע דראמא איז אויסגעשפילט געווארן. דאס איז וואס די גמרא זאגט: קיין שום אומגליק קומט נישט אויף די וועלט אויב נישט פאר די אידן'ס וועגן (יבמות סג.). איר הערט דאס? אלע אומגליקן זענען נאר צוליב אונזער פאלק; אפילו דאס וואס קומט אויף די פעלקער פון די וועלט. און רש"י ערקלערט, **ליראם כדי שיחזרו בתשובה**, זיי (די אידן) צו דערשרעקן כדי זיי זאלן תשובה טון.

## אויף אונזער שטאפל

ה' שונא זימה! דער באשעפער האט פיינט אויסגעלאסנקייט. אודאי זענען מיר נישט שולדיג אויף אזעלכע זינדיגע פארברעכנס ווי דאס, אבער דאך זענען דא גענוג זינד. מענטשן קוקן אויף די טעלעוויזיע, אויף די מאוויס, אויף פלעצער וואו זיי טארן נישט. געוויסע קליידן זיך אויפ'ן גאס ווי גוים און פירן זיך אויף ווי גוים. דאס איז אויך זימה און דער באשעפער איז נישט מוותר - ער וועט ווארטן אויף זיי זיך צו לערנען יראת העונש און תשובה טון, אבער ער וועט נישט ווארטן אויף אייביג. ער איז **מאריך אפי וגבי דילי'** - ער ווארט אבער פריער אדער שפעטער טוט ער איינקאסירן זיינס. אוי וויי! אאאה! טראכט פון די פרינצעסן און טו תשובה.

אלזא, זיצסטו אין דיין קאר און דו זאגסט, "רבונו של עולם, קיינמאל מער נישט! איך בעט דיר איבער. איך בעט דיר איבער, רבונו של עולם! איך האב מורא!" האלט דיין אויג אויפ'ן שטראז בשעת דו טוסט עס אבער טראכט פון תשובה און טראכט פון וואס עס האט פאסירט צו די צוויי. מיר פארן אויך אין קארס. ווער ווייסט וואס עס קען חס ושלום פאסירן! מיר זענען שטענדיג אין געפאר. כל הדרכים בחזקת סכנה - היינט זענען אלע גאסן געפארפול, נישטא קיין ספק אין דעם, אפילו אין שטאט. און ווען דו זיצט אין קאר, נעם די געלעגנהייט צו מהרהר בתשובה זיין. איר זעט וואס עס

האט פאסירט צו די צוויי מענטשן! איר זעט וואס דער באשעפער קען טון!

## געזונטע שרעק

אצינד, דערציילט מיר נישט קיין מעשיות איבער דעם אז ס'איז נישט געזונט צו זיין דערשראקן. ניין, ס'איז נישט אמת - שרעק פירט נישט צו דעפרעסיע; דאס איז זייער א גרויסער טעות. פונקט פארקערט - ס'איז נישטא עפעס בעסער פאר א מענטש.

איך האב געקענט א מענטש וואס איז אמאל געווען אנוועזנד אין א חסיד'ישע רבי'ס הויז ווען דער רבי האט גערעדט איבער יראת שמים. דער מענטש איז דאן געווארן צערודערט און איז אריינגעפאלן אין א גייסטישע טראומא. יארן שפעטער האט ער געזאגט אז דאס איז געשען ווייל ער איז אזוי באנומען געווארן פון דער פחד פון באשעפער פון וואס דער רבי האט גערעדט, אז ער איז אראפ פון זינען. דאס איז נישט אמת! קיינער גייט נישט אראפ פון זינען פון פחד פון באשעפער. ער איז אראפ פון זינען צוליב עפעס אנדערש. זיין מח איז שוין געווען צערודערט פון פריער; פחד פון באשעפער האט גארנישט צו טון מיט דעם.

קיינער ווערט נישט קראנק פון יראת שמים. קיינער באקומט נישט קיין אנטצינדונגען פון יראת שמים. אויב א מענטש דערציילט דיר אז ער איז נערוועז און אנגעצויגן ווייל ער האט מורא פון עבירות, דאס גאנצע וואס עס איז, איז א משוגעת; ס'איז אן אבסעסיע - ס'איז אינגאנצן נישט קיין יראת שמים.

מענטשן וואס האבן אמת'ע פחד פון באשעפער, אפילו יראת העונש, האבן א קלארע קאפ און דער באשעפער מאכט זייער קאפ נאך קלארער בלויז צוליב דעם. **יִרְאַת הַשֵּׁם תּוֹסִיף יָמִים** - מורא פון באשעפער פארמערט די טעג פון לעבן, **וּשְׁנוֹת רְשָׁעִים תִּקְצֹרְנָה** - און די יארן פון די רשעים ווערן געשניטן קורץ ווייל זיי האבן נישט קיין מורא; זיי האבן נישט מורא פאר'ן באשעפער און זיי זינדיגן און שטארבן יונג (משלי י:כז).

## דער וועג צו לעבן מיט הצלחה

דאס איז וואס דוד המלך זאגט: "**לְכוּ בָנִים שִׁמְעוּ לִי יִרְאַת הַשֵּׁם אֲלַמֶּדְכֶם, מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים**, קומט קינדער - דאס מיינט תלמידים - איר ווילט לעבן לאנג? איז הערט מיר צו ווען איך לערן אייך יראת ה'." דאס איז דער סוד צו א לאנג לעבן: מורא פאר די שטראפן איז געווארן א טייל פון אונזער מהות, א טייל פון אונזער פערזענליכקייט.

דאס איז דער געוואלדיגער לימוד ביים לערנען די פרשיות תזריע און מצורע אויפ'ן ריכטיגן וועג; ס'איז נישט גענוג צו ליינען די פרטים פון די פרשה אדער אפילו זיי צו וויסן. מיר דארפן אריינגעבן א לעבהאפט אין די פרטים דורך אפלערנען די ווערטער ווי שטראף געצייג וואס הענגען אויפ'ן וואנט; און וויפיל מעגליך צוליגן בילדער אין מח, די בילדער וואס מיר זעען מיט אונזערע אויגן. דאס איז ווי אזוי מיר זענען קונה לעבן פאר זיך אליין!

און **הבא לטהר מסייעין אותו** - דער באשעפער וועט העלפן די וועלכע העלפן זיך, און איר וועט קענען פארעמען עכטע בילדער אין אייער מח וואס וועלן אייך פירן צו א לעבן מיט הצלחה. בילדער פון יראת ה' ברענגט צו לעבן ערפאלגרייך און פרייליך. "אבער איר," זאגט דער באשעפער, "איר וועט עסן, טרינקען און לעבן פרייליך ווייל איר זענט די וועלכע זענען קונה די דעה וואס איר דארפט האבן צו זיין ערפאלגרייך אויף די וועלט און צו זיין פרייליך אויף שטענדיג אין די קומענדיגע וועלט."

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**וואס איז עפעס וואס מיר קענען טראכטן בשעת מיר זענען פארנומען מיט די הכנות צום פסח?**

**תשובה:**

איין זאך אויף וואס איר קענט אפגעבן צייט, איז צו שעצן דאס וואס דאס אידישע פאלק זענען צמאים לעבודת יוצרם - זיי זענען דארשטיג פאר מצוות. פשוטו, אידן היטן די תורה מיט זייער גאנצע הארץ. מענער און פרויען, אינגלעך און מיידלעך גרייטן זיך אויף פסח און ס'איז נישט קיין גרינגע ארבעט אבער זיי טוען עס סייווי.

געוויסע מענטשן ווילן זיך ארויסדרייען פון זייער ארבעט אויף פסח - זיי ווילן גיין צו א האטעל. אבער די וועלכע זענען דארשטיג פאר מצוות דרייען זיך נישט ארויס פון די ארבעט. זיי ווילן ארבעטן ווייל ס'איז א מצוה. ס'איז שווער, ס'איז נישט גרינג - דאס יאר איז עס דאפלט שווער ווייל ערב פסח איז שבת אבער זיי זענען פרייליך עס צו טון. זיי גייען זיך נישט ארויסדרייען פון זייערע פליכטן. נעמנדיג זאכן אריין און ארויס; ארויסטראגן די חמץ, אריינברענגען די פסח'דיגע כלים- אלע סארטן הכנות.

למעשה, איך בין נישט אינטערעסירט אין טוישן די פירהענג. טוישן די פירהענג איז נישט וויכטיג. איר ווילט מאכן א פרילינג הויז ריניגונג, איר ווילט טוישן די פירהענג, איך בין דאס מוחל. אבער צו אנגרייטן אויף פסח - דאס איז זייער א גרויסע מצוה! און פיל, פיל זייער פשוט'ע מענטשן הארעווען צו אנגרייטן אויף פסח! איר דארפט זיי שעצן. זיי זענען צמאים, זיי זענען דארשטיג פאר עבודת יוצרם. מיר זענען צוגעוואוינט דאס צו זען און דערפאר שעצן מיר עס נישט, אבער יעצט איז א גוטע צייט צו טראכטן איבער דעם.

מיר דארפן זיך איינגעוואוינען צו זען די גרויסקייט פון דאס אידישע פאלק, וויפיל מענטשן זענען גרייט צו טון כדי אויסצופירן די פרטים פון די מצוות. און עס איז זייער א וויכטיגער ענין דאס צו שעצן. נישט קיין חילוק ווי גרויס איר זענט אין עבודת ה', ווי גרויס איר זענט אין ידיעות התורה, מוזט איר צולייגן די נקודה, די שעצונג צו דאס אידישע פאלק, צו אייער שלימות.


- להחזיר עטרה ליושנה -

**מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד'יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין**

**הלכות ושאלות עניינים**

**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**

צו מנדב זיין און צו שטיצן דעם גאר וויכטיגן פראיעקט רופט דעם אוטאמאטישע נדבות סיסטעם 646-860-9985